# בילד פון אידישן לעבן אין מאנטרעאל הײנט אויף פראנצויזישער טעלעוויזיע

מיט אן ערך א יאר צוריק האט די פראנצויזישע אפטײלונג פון דער רעגי־רונגס פילם באורד זיך פאראינטערעסירט אין מאנטרעאלער אידען און אלס רעזול־טאט האט זי פראדוצירט א וויכטיגען פילם װעגען דער אידישער געמײנדע פון מאנטרעאל. דער פילם איז געוויזען גע־ווארען איבער דער קאנאדער טעלעוויזיע און איצט ווערט עס געוויזען איבער דער וועלט, דורך די קאנאדער אינפארמאציע־ביוראען אין אלע הויפט שטעט.

איצט האט זיך פאראינטערעסירט אין מאנטרעאלער אידען די פראנצויזישע אפטײלונג פון דער קאנאדער טעלעוויזיע, און הײנט, זונטאג אווענט, 9:30 אזייגער אויף טשאנעל 2 וועלען די וואס קוקען זיך צו צו דער פראנצויזישער טעלעוויזיע האבען א געלעגענהייט צו זען אן אינ־טערעסאנטען בילד וועגען דעם לעבען פון א מאנטראלער אידישען בחור.

דאס בילד הייסט „אהרון" און איז גע־בויט אויף דער דערציילונג וואס דער הי־גער פראנצויזישער שרײבער, איוו טעריא, האט אנגעשריבען מיט א יאר צוריק. דער ראמאן איז געווען געדרוקט אין קוויבעק און האט ארויסגערופען באגייסטערטע רע־צענזיעס, ספעציעל אלס דער ערשטער קא־נאדער ראמאן אויף פראנצויזיש מיט א אידישער טעמע. איצט איז דער ראמאן אויך דערשינען אין פאריז.

דער ראמאן באהאנדעלט די טעמע פון א יונגען בחור, א יתום וואס ווערט דער־צויגען דורך זײן אלטען פאנאטישען זיי־דען און, ווען ער וואקסט אונטער, רעבע־ליִרט ער קעגען דעם שטייפען ארטאדאק־סישען לעבענסשטייגער און רייסט זיך ארויס פון זיין איינפלוס.

די דערציילונג ווערט אינסצעניזירט אויף דער פראנצויזישער טעלעוויזיע זונ־טאג אוונט, דורך דעם פילם־דירעקטאר, גי באון. די ראלע פון דעם אלטען שניי־דער ווערט געשפילט פון דעם פראנצוי־זישען אקטיאר בריטמאן; דער יונגער אהרון ווערט געשפילט פון ראבער גא־דוא. מארסעל קאבאי שפילט די ראלע פון מלך, דער אינטימער פריינט און בעל יועץ פון דעם אלטען משה; היוגעט גאר־נא שפילט די מיידעל ווידנא אין וועמען אהרן פארליבט זיך.

דער ראמאניסט טעריא און די סי. בי. סי. פרעטענדירען ניט צו שפילען דאס רעאליסטישע שניידער און שוחל לעבען פון דער אידישער מאנטרעאל. זיי שטריי־בען אונטער אז עס האנדעלט זיך ניט אין טרייהייט צום אידישען לעבענס־שטייגער, נאר וועגען א בילד פון דעם אידישען לעבען ווי דער דורכשניטליכער פראנצוי־זישער לייענער שטעלט זיך אים פאר.

פונדעסטוועגען האבען די וואס זיינען פאראנטווארטליך פאר דער פארשטעלונג זייער ערנסט אויסגעפארשט דעם אידישן הינטערגרונט און האבען פארבראכט חד־שים אויף דערויף. זיי האבען באזוכט שניידער און ארבעטער אנשטאלטען, אר־טאדאקסישע היימען, פאטאגראפירט סד־רים און אידישע פאלקס קונסט, זיך איינ־געשאפען מצה שמורה, מזוזות, סידורים, טליתים, מזרחס, ארבע כנפות, א.א.וו. דער מחבר האט שטודירט די אידישע גע־שיכטע און לייגט אריין אין מויל פון דעם אלטען שניידער אינטערעסאנטע גע־דאנקען וועגען דעם גורל פון אידען און דעם גורל פון א אידען וואס וואוינט אין מאנטרעאל. דער אלטער פרובירט באַ־ווייזען דעם יונגען בחור אז מיט זיין גע־בוירען ווערען א איד איז אויף אים ארויפגעלייגט געווארען דער חוב צו אן אנדער מין לעבען ווי דאס לעבען פון א גוי.

מען קאן פיל דיסקוטירען דעם אופן ווי אזוי דער אלטער משה און דער פראנצויזישער שרייבער, זיין באשאפער, נעמען אויף דעם ענין אידישקייט, אבער זיכער מערקט זיך אין דעם ווערק, און אין דער טעלעוויזירטער אויפפירונג, א פארשטענדעניש און אן אינטערעס מצד פארשטייער פון דער פראנצויזיש־קאנא־דער קולטור וואס וואלט געווען אומבא־גרייפבאר אין דער זעלבער קאנאדער סבי־בה מיט צוואנציק יאר צוריק.


— ספר —

## מאיר עיני ישרים

פינף בענד גוט געבונדען, א ילקוט פון פערלדיגע ווערטער אויף אלע פסוקים פון תורה לויט די פרשיות פון דער וואך. געקליבען פון טויזענ־טער אלטע און נייע ספרים, גאנץ באזונדערס פון חסידישען קוואל. הסכמות אויף די 5 ספרים האבען געגעבען די גדולי ישראל פון דעם היינטיגען דור.

פרייז פאר אלע פינף

**$18.00**

בראשית שמות ויקרא איטליכער ספר נאר $3.00, במדבר — $4.00 און דברים $5.00.

נאכ'ן דערהאלטען א מאני ארדער ווערען די געוואונשענע ספרים גלייך ארויסגעשיקט. זיך ווענדען צום מחבר:

Rabbi M. Schwartzman
158 Inkster Blvd.
Winnipeg, Canada



א פ ע ן ו ו י ד ע ר

**SUPERIOR DINING ROOM**



פולער קורס דינער און ביזנעסמאנ'ס לאנטש

ג ע ש מ א ק ע מ א ל צ י י ט ע ן

סערווירט דעם גאנצען טאג — 7 טעג א וואך
מיר גיבען אויך ארויס אלע מאכלים.

טשארקאול געברוילטע סטייקס

אונטער דער אויפזיכט פון מרס. רעי בארענהיים

4415 St. Lawrence Blvd. AV. 8-2527



מ. באומאן, בי. סי., סי. א. ל. ר. פרידמאן, בי. א., בי. סי., סי. א.

**BAUMAN, FREEDMAN & CO.**

באומאן, פרידמאן און קא